RADOMER KIELCER LEBEN № 6 (94) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem“ פּרייז 25 גראָשען דריטער יאַהרגאַנג

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

היינט 10 זייטען

אדרעסען
פון „ראַדאָמער קעלצער לעבען“

אין ראַדאָם
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben“
Radom, Szwarlikowska 20.

אין קעלץ.
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben“
Kielce, Staro-Warszawska 34.

אַנאָנסען פּרייז:
איין מיל·מעטער שורה: פאַר'ן טעקסט 20 גר.
„ 40 „ אין „ „ „
„ 18 „ נאָכ'ן „ „ „

ראַדאָם פרייטאג כ״א שבט תרפ״ו — פאַר'ן אינהאַלט און טעקסט פון די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פעראַנטוואָרטליך — 5-go Lutego 1926 roku

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבען זוהן און ברידער יעקב מיט פרל׳ חאשע בערנעמאַן ווינשען מיר זאָל זייער נייער צוזאַמענבונד בעגליקען זייער לעבען מיט פיל גליק און צופרידענהייט.

עלטערען קויפמאַן רוטמאַן און פרוי.
שוועסטער און ברידער
חעלי, מאַני, פעלי און יאסיל רוטמאַן.

יעקב רוטמאַן — חאַשע בערנעמאַן
פערלאָבט
ראַדאָם 31 יאַנואַר 1926.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבע טאָכטער חאשע בערנעמאַן מיט ה׳ יעקב רוטמאַן ווינשען מיר גליק און צופרידענהייט, מיר זאָלען דערלעבען פיעל נחת פון אונזערע קינדער.

עלטערען
יצחק בערנעמאַן און פרוי.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבע קוזינקע חאשע בערנעמאַן מיט ה׳ יעקב רוטמאַן ווינשען מיר א גליקליכען צוזאַמענ־לעבען און פיעל מזל.

חאשע בערנעמאַן
און התן
לייזער שטאַרק.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער חבר רוטמאַן מיט פרל׳ חאשע בערנעמאַן ווינשען מיר א הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט.

חברים און חברות:
ישראל קאַרמאַן, לייביל רייכענבוים, רעגינא ראַזענצווייג, יעקב און יהודית צוקער, שמעון ווייסבאַרד, פעלע פריידאס, צעשע ווייסבאַרד, לייביל ראַזענצווייג, לייביש וויינטרויב, פסח ווערבער, בעריש ליפשטיין, ישראל באַקמאַן און מאיר פינקעלשטיין.

צו דער פערלאָבונג פון חאשע בערנעמאַן מיט ה׳ יעקב רוטמאַן ווינשען מזל-טוב זאָל זייער בונד געשלאָסען זיין אין א מאָמענט פון גליק און ברכה.

ברידער יעקב בערנעמאַן און פרוי
שוואָגער שמואל זאַלצמאַן און פרוי.

טשענסטאָכאָווער בלייזען בעדייטענד ביליגער געוואָרען!

דערמיט מאַך איך בעקאַנט מיינע געעהרטע קונדען דאס איך האָב מיין געשעפט איבערגעטראַגען אויף וואַלאָווא 3 1-טען שטאָק
אונד איך פערקויף אלערליי בלייזען, די נייעסטע הערליכע קאָליערען אלעס אויף די היינטיגע ביליגע פּרייזען.

קרעדיט פאַהיגע קונדען בעקומען אויף די בעסטע בעדינגונגען.

מיט אכטונג:
בנימין רייך. Radom, Wałowa 3.

Dr. A. ŁUCZNO LEWI
Choroby oczu
Przyjmuje 3–4 popoł.
Radom (Górki-Lubelskie) Kilinskiego 13
Telefon 420

Dr. Med. JGNACY LEWI
B. PRAKT. LEKARZ WE FRANCJI
Choroby wewnętrzne i dzieci
Przyjmuje do 10 rano i 4–6
Radom (Górki-Lubelskie) Kilinskiego 13
Telefon 420

Ż. K. S. „HASZACHAR“ w Radomiu.
Urządza w sobotę dnia 6 Lutego 1926 r. w salach HOTELU EUROPEJSKIEGO (dawniej Miraż)
Wieczór Taneczny z konkursem tańców o nagrodę, oraz inne niespodzianki
Początek o godz. 9 wiecz. — Wstęp tylko za zaproszeniami.
Cena biletu zł. 1.50 do nabycia przy wejściu.

יעדע ווירטין דאַרף וויסען,
אז די מאַשטש צו פּאָדלאָגעס.
„JAŚNIEJ SŁOŃCA“ גיט צו די פּאָדלאָגעס, פּאַרקעטען און לינאָלעאום א שיינע און לאַנגדויערנדע גלאַנץ אָהן בענוצען זיך מיט בערשטען.

„Jaśniej Słońca“
פערטרעט אייל-פאַרב, פאַרבט ווייסע פּאָדלאָגעס אין פערלויף פון א שעה אויף די פאַרבען:
מאַהאַגאָניאָווע און טינקעל אָרזשעכאָווע
פּרובט און איהר וועט זיך איבערצייגען!
פערקויף אין אלע סקלאַד-אַפּטעקשטעס, זייף און פאַרב געשעפטען.
Fabryka przetworów techno-chemicznych
„MARY“ Warszawa, (Sielce) Zajączkowska 9. Tel. 419 69

די קאָאָפּעראַטיווע האַנדווערקער באַנק אין ראַדאָם, לובלינער 23.

פיהרט אויס אלע באַנק — אָפּעראַציעס.
נעמט אָן אינקאַסאָ איבערווייזונגען,
וועלכע ווערען אויסגעצאָהלט אין דעם זעלבען טאָג.

# וואס הערט זיך אין ראדאם.

## העכסטער אדמיניסטראטיווער טריבונאל גע'פסק'ענט נייע וואהלען אויף א רב.

פאריגען פרייטאג האט דער העכס־טער אדמיניסטראטיווער טריבונאל אין ווארשא ארויסגעטראגען דעם אורטהייל אויף ה' קעסטענבערג'ס אנקלאגע גע־גען מיניסטעריום פאר רעליגעזע ענינים, וואס האט אין זיינער צייט אויפ'ן וואונש פון דער קהלה פעראָרדענט נייע וואהלען אויף א רב אין רא־דאם.

אלע טענות און דאקומענטען, וואס ה' קעסטענבערג האט פארגעשטעלט מיט'ן ציעל צו בעווייזען, אז ער פער־נעמט געזעצליך דעם כסא רבנות אין ראדאם — האט דער טריבונאל אנער־קענט פאר נישט גילטיג, און ארויסגע־געבען זיין אורטהייל, אז קיין שום נאמינאציעס און אלערארט נישט אפיצ־יעלע טראקטאטען אדער רבנות-אכמא־כען האבען קיין שום יורידישען גרונד נישט. נאר כדי צו ווערען בעשטימט אלס רב, האט דער טריבונאל גע'פסק'־ענט, מוז דער רב זיך שטיצען אויפ'ן ווילען פון דער מעהרהייט אין שטאדט און דאס איז נאר מעגליך דורך אפיצ־יעלע וואהלען.

בנוגע די צווייטע קעסטענבערג'ס אנקלאגע געגען זעלבען מיניסטעריום, וואס האט אבגעשטעלט אין זיין טהע־טיגקייט, האט דער טריבונאל אנערקענט אלס בעגרינדעטע, אז דאס מיניסטער־יום האט אונגעזעצליך קעסטענבערג'ן אבגעשטעלט און דעריבער ערפילט ער ביז דעם דורכפיהרען פון די וואהלען די אמטליכע פונקציעס פון א רב.

אין צוזאמענהאנג מיט דער נייער געשאפענער וואהל-סיטואציע הערשען אין שטאדט פערשידענע שטימונגען. ס'ווערען ארויסגעזאגט פערשידענע מיינונגען און פראיעקטען. אזוי למשל, איז פארהאן א פראיעקט, אז אויפנע־מען זאל מען א רב נישט אויף שטענ־דיג, נאר אויף א בעשטימטע צאהל יאה־רען, מאקסימום ביז 5 יאהר. א סך זאגען זיך ארויס געגען אויפנעמען א נייעם רב, און זענען דערפאר מ'זאל אויפנעהמען בלויז א גוטען מורה הוראה, וואס בעזיצט גלענצענדע קוואליפיקאצ־יעס און איז אנערקענט אלס רבנישער אויטאריטעט—אויפן ארט פון א ראש בית דין אין ראבינאט.

## גרויסע בעריכט'ס-פערזאמלונג אין האנדווערקער-קלוב

דעם פערגאנגענעם זונטאג איז אין האנד.-קלוב אבגעהאלטען געווארען א גרויסע בעריכט'ס-פערזאמלונג, אויף וועלכער עס זענען אנוועזענד געוועזען איבער 200 מיטגלידער. די פערזאמלונג איז פארגעקומען אונטער דער פארזיץ פון ה' ל. ברילאנט און נאכדעם, ווי דער סעקרעטאר גיעט אב א בעריכט פון פערגאנגענעם יאהר, ה' ווייגנארט וועגען דער טהעטיגקייט פון דער קול־טור קאמיסיע, און די רעדעס פון די ה"ה מאנישעווסקי, איידעלבוים, ראט־בלאט און פייגענבוים — קומען צום ווארט די האנדווערקער - ראטמענער. דער ערשטער רעדט ראטמאן, ה' קאט־ליאר, וועלכער גיט אב א אויספיהרלי־כען בעריכט וועגען זייער טהעטינקייט אין שטאדט-ראט. פון זיין בעריכט ווייזט זיך ארויס, אז דעם גרעסטען טהייל שטייערען צאהלט די יודישע בעפעלקערונג און זי געניסט אמווי־ניגסטען, כמעט ווי גארנישט. ראטמאן ה' ל. בריליאנט רעדט ארום ברייטער די טהעטיגקייט פון דער ראטמענער— קאלא און שטעלט פעסט, דאס די קא־לא רעאגירט כמעט גארנישט אויף די ספעציפישע יודישע נויטען.

די ה"ה בליכער און י. פייגענבוים ווייזען אן אויף די גרויסע עולות, וואס דאס מאגיסטראט בעגעהט קעגען די יודישע בעפעלקערונג. ה' פייגענבוים ווייזט אן, אז דאס מאגיסטראט איז מיט'ן ספעציעלען קאנאליזאציע-שטייער בעגאנגען א גרויסע עולה קעגען דער ארימער בעפעלקערונג, דערפיט וואס דאס מאגיסטראט האט בעשטימט צו 6 זלאטעס אויף א קאפ. ס'וועט אויסקו־מען, למשל, א ארימער בעל מלאכה, אדער קליינהענדלער וועט דארפען צאהלען צו 50 זלאטעס דורכשניטליך. ה' פייגענבוים מאכט אויך אויפמערק־זאם אויף דער ווירטשאפט און די שטאדטישע פאוושעכנע שולען און פרענט מיט וואס פאר א רעכט נעמט מען ביי די קינדער געלד אויף פער־שידענע נעבען זאכען.

צוליב דער שפעטער צייט איז די צווייטע העלפט פון דער פערזאמלונג

אבגעלעגט געווארען אויף זונטאג דעם טען די האנדווערקער-דאזארעס און 7 לוטי. דאן וועלען אבגעגעבען בעריכ- ראטמענער פון דער קהלה.

## זיצונג פון קהלה—ראט.

עהערגעכטען, מיטוואך, איז אין דער גמינע פארגעקומען א זיצונג פון קהלה־ראט. אויפ'ן טאג-ארדנונג זענען גע־שטאנען פאלגענדע פראגען צו בע־טראכטען: 1) רעכנונג'ס בעריכטען פון דער גמינע-פערוואלטונג אויפ'ן יאהר 1925. 2) בעשטעטיגען די ביודזשעט-הוצ־אות, וואס זענען געמאכט געווארען דורך דער גמינע-פערוואלטונג אויפ'ן יאהר 1925. 3) פארשלאג פון דער פער־וואלטונג וועגען ארויסגעבען א קאנ־קורס אויף א רב פאר ראדאם. 4) פרייע פארשלאגען.

אויספיהרליכע פרטים פון דער זי־צונג—אין נעכסטען נומער פון אונזער צייטונג.

## קאנצערט אווענד פון בעריהמטען חזן העלפאנד אין ראדאם.

קומענדיגען דינסטאג וועט אין טע־אטער „ראזמאיטאשטשי" אויפטרעטען דער וועלט בעריהמטער מנגן און אוי־בערקאנטאר פון דער ווארשעווער טלא־מאצקער סינאגאגע, ה' העלפאנד, וועל־כער וועט אויסזינגען הערליכע תפילות, סינאגאגאלע נגונים, ווי אויך אריעס פון קלאסישען אפערען - רעפערטואר.

ס'איז כדאי צו דערמאנען, אז די הכנסה פון קאנצערט געהט לטובת דער געזעלשאפט „עזרה' און דערפאר פער־דינט בעזונדערס דער קאנצערט וואָ־רום אונטערגעשטיצט צו ווערען פון דער גאנצע יודישע בעפעלקערונג. וועלכע וועט האבענדיג די געלעגענהייט צו הערען איינעם פון די גרעסטע יו־דישע זינגער, גלייכצייטיג שטיצען און צו-הילף קומען דער געז. „עזרה" וואס לינדערט די נויט פון פיעל, זעהר פיל נויטבעדערפטיגע אין דער היינטיגער טרויריגער צייט.

## לעצטע פארשטעלונגען אין יודישען טעאטער.

די יודישע טרופע אין ראדאם שפילט די טעג שוין איהרע לעצטע געזעגע־נונג'ס-פארשטעלונגען. קומענדיגען זונ־טאג ווערט דורך דער טרופע אויפגע־פיהרט „די נייע רומענישע חתונה" וועלכע וועט בעזונדערס זיין אינטערע־סאנט דערמיט, וואס די ראליען וועלען דאס מאהל איבערגעביטען ווערען, נישט לויט דעם שטענדיגען סדר.

## רעפעראט פון ד"ר פאמראק.

די קולטור-קאמיסיע ביים האנד.-קלוב ארדענט איין שבת צו-נאכט א רעפע־ראט פון ד"ר פאמראק א. ד. ט, דער „קאמפף קעגען טובערקולאז" דער רע־פעראט וועט אילוסטרירט ווערען מיט ליכט-בילדער, און וועט זיין איינער פון א גאנצען ציקל פארלעזונגען איבער היגיענע, וואס ד"ר פאמראק וועט פון צייט צו צייט בעהאנדלען.

## טאנץ-אווענדען.

קומענדיגען שבת צו נאכט ווערט אין די זאהלען פון האטעל איירא־פעיסקי איינגעאָרדענט דורך דעם ספארט קלוב „השחר" א טאנץ אווענד מיט א קאנקורס פאר די בעסטע טענץ און אונערווארטעטע סורפריזען.

דעם זעלבען שבת-צו-נאכט ארדענט אויך איין א טאנץ אווענד מיט פיעל אטראקציעס דער „שומר הצעיר" אין לאקאל פון „צעירי ציון" (לובעלסקא 27).

## פון יוד. בעקער-מייסטער פאריין

דער יודישע בעקער-מייסטער פער־איין אין ראדאם האט בעשטימט, אז דער פרייז פון ברויט ערשטער גאטו־נעק זאל זיין נישט מעהר ווי 36 גרא־שען א קילא, און אז די בעקער, וועל־כע וועלען פערלאנגען טייערער, זאלען צו געצויגען ווערען צו פאראנטוואָרט־ליכקייט.

